**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/10/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער צו בלייבן גרייט אזוי ווי גרויסע שטורעם ברענגט שווערע רעגנס און שטארקע ווינטן דאַונסטעיט און שווערע, נאסע שניי אפסטעיט**

***לאנג איילענד, ניו יארק סיטי און אונטערשטע מיד-האדסאן ראיאנען צו זעהן עטליכע אינטשעס רעגן און שטארקע ווינטן וואס קענען פאראורזאכן פארפלייצונגען און עלעקטריציטעט קורצשלוסן***

***נארט קאנטרי, מאוהאק וואלי, צענטראל ניו יארק, הויפטשטאט דיסטריקט און אויבערשטע מיד-האדסאן ראיאנען צו באקומען שווערע, נאסע שניי איבערנאכט שטערנדיג צו פארן מאנטאג אינדערפרי און קען פאראורזאכן עלעקטריציטעט קורצשלוסן***

***ניו יארקער געמוטיגט צו נאכפאלגן די לעצטע וועטער זאגער פארשאאצונגען און פלאנירן רייזעס און אנדערע אקטיוויטעטן לויט דעם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמוטיגט ניו יארקער צו בלייבן גרייט אזוי ווי א גרויסע שטורעם איז ערווארטעט צו פאראורזאכן עלעקטריציטעט קורצשלוסן אריבער גרויסע חלקים פון די סטעיט און שאפן אומשטענדן וואס פארשווערן צו פארן אין געוויסע פלעצער פאר די וועג צום ארבעט פון מאנטאג אינדערפרי. דאַונסטעיט געגנטער אריינרעכענענדיג לאנג איילענד, ניו יארק סיטי און די אונטערשטע מיד-האדסאן ראיאנען, וועלן זעהן עטליכע אינטשעס רעגן און שטארקע ווינטן וואס קענען פאראורזאכן פארפלייצונגען און עלעקטריציטעט קורצשלוסן. ווייטער ארויף אפסטעיט, אריינרעכענענדיג געגנטער אין די נארט קאנטרי, מאוהאק וואלי, צענטראל ניו יארק, הויפטשטאט דיסטריקט און אויבערשטע מיד-האדסאן ראיאנען, וועט די רעגן זיך אריבערטוישן צו נאסע שווערע שניי איבערנאכט, און דאס וועט קענען שאפן אומשטענדן וואס פארשווערן צו פארן דורכאויס די וועג צום ארבעט מאנטאג אינדערפרי און קען פאראורזאכן עלעקטריציטעט קורצשלוסן. ניו יארקער זאלן נאכפאלגן די לעצטע וועטער זאגער פארשאאצונגען פון די נאענט דורכאויס די נאכט און מארגן און פלאנירן רייזעס און אנדערע אקטיוויטעטן לויט דעם.

"די וועטער וועט ברענגען שווערע רעגנס און שטארקע ווינטן צו דאַונסטעיט ניו יארק, און אפסטעיט וועט באקומען שניי און ווינטן היינט נאכט און מארגן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר וועלן פארזעצן צו נאכפאלגן די השפעות פון די וועטער, און סטעיט אגענטורן זענען גרייט זיך צו אפרופן צו פארלאנגען פאר הילף. איך מוטיג אלע ניו יארקער צו האלטן אן אויג אויף די וועטער און פלאנירן זייערע רייזעס און אקטיוויטעטן לויט די לעצטע פארשאאצונגען כדי צו בלייבן זיכער, באזונדערס דורכאויס די מארגנדיגע רייזע אינדערפרי."

זונטאג און אריינגייענדיג אין מאנטאג זענען ביז דריי אינטשעס פון רעגן ערווארטעט אריבער ניו יארק סיטי און לאנג איילענד, מיט ביז פינף אינטשעס פון רעגן מעגליך אריבער מזרח לאנג איילענד. חלקים פון סופאָלק קאונטי וועלן קענען זעהן ווינטן מיט שנעלקייטן פון ביז אזויפיל ווי 60 מ.פ.ש. דורכאויס היינט

נאכט, און דיווינטן וועלן קענען פאראורזאכן עלעקטריציטעט קורצשלוסן פון אראפגעפאלענע בוימער און דראטן, און טיילן פון ניו יארק סיטי און נעסאו קאונטי וועלן קענען זעהן ווינטן פון 50 מ.פ.ש. היינט אוונט וועלן געגנטער אין די נארט קאנטרי, מאוהאק וואלי, צענטראל ניו יארק, הויפטשטאט דיסטריקט און מיד-האדסאן וואלי זעהן רעגן זיך אריבערטוישן צו שווערע, נאסע שניי, מיט א פוס אדער מער ערווארטעט אין די העכסטע פלעצער, אריינרעכענענדיג די עדיראַנדעקס, קעטסקילס און טאָג היל, און געוויסע נידעריגערע פלעצער וועלן מעגליך באקומען ביז זעקס אינטשעס שניי. ווינטן מיט שנעלקייטן פון ביז אזויפיל ווי 35 מ.פ.ש. זענען מעגליך אריבער די סטעיט, און דאס קען פירן צו נאך איזולירטע עלעקטריציטעט קורצשלוסן.

פאר א פולע ליסטע פון וועטער ווארענונגען און פארשאצונגען, באזוכט דעם נאציאנאלען וועטער סערוויס וועבזייטל אויף https://alerts.weather.gov. ניו יארקער ווערן געמוטיגט זיך צו איינשרייבן צו באקומען עמערדזשענסי אלערטס דורכן זיך איינשרייבן פאר NY Alert אויף https://alert.ny.gov — אן אומזיסטע סערוויס וואס שיקט קריטישע עמערדזשענסי אינפארמאציע צו אייער סעלפאון אדער קאמפיוטער.

**<u>אגענטור פארברייטערונגען</u>**

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די דיוויזיע פאלגט אקטיוו נאך די פאראויסגעזאגטע וועטערן און קאארדינירט די סטעיט'ס אפרוף צו די וועטער געשעעניש. שטאב מיטגלידער פון די אפיס פון עמערדזשענסי פארוואלטונג ( Office of Emergency Management) שטייען אין פארבינדונג מיט לאקאלע אינסטאנצן און זענען גרייט צו ערמעגליכן פארלאנגען פאר הילף.

די אפטיילונג איז צוגעגרייט ארויסצושיקן די פאלגנדע הילף און שעלטער געצייג פון די סטעיט'ס זאמלונגען, אויב נויטיג:

- 1,515 דזשענערעיטארס
- 536 זעגן
- 954 באוועגיגע הייצערס
- 48,636 MRE's
- 345,432 באטלעך און קאנעס פון וואסער
- 7,877 צוזאמלייג בעטלעך
- 8,149 דאכענעס
- 11,220 קישענעס

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט**
די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט איז גרייט זיך אפצורופן מיט 3,650 סופערווייזערס און מאשין דרייווערס וועלכע שטייען גרייט איבערן סטעיט. שטאב קענען אויסגעשטעלט ווערן אין סיי וועלכע סארט אפרוף מאנשאפט לויט ווי עס נויטיגט זיך (שארן שניי, צושטיקלען ביימער, לאדענען און שלעפן, אפשניידן און אוועקרוקן בוימער א.א.וו.). אין צוגאב שטייען גרייט 75 ICS שטאב מיטגלידער גרייט צו שטיצן די אפרופונג מיסיעס דורכאויס די וועטער אומשטענדן. די נויט פאר נאך ארויסגעשיקטע שטאב מיטגלידער וועט כסדר איבערגעשאצט ווערן דורכאויס די וועטער. אלע געגנטער וואו מענטשן וואוינען וועלן בלייבן מיט מאנשאפטן אויפן ארט גרייט פאר אפעראציעס 24/7 דורכאויס די גאנצע וועטער געשעעניש, און די וויכטיגסטע אפריינייגונג אפעראציעס און אלע עקוויפמענט זענען גרייט צו מאביליזירט ווערן. פלאטע מעכאניקער אין באטראפענע געגנטער וועלן שיקן מאנשאפטן צו אלע הויפט באוואוינטע געגנטער 24/7 צו טוהן פאררעכטונגען און צו האלטן טראקס אויפן ראוד.

די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1619 גרויסע שארער טראקס
- 154 מיטעלמעסיגע שארער טראקס
- 51 טאָו שארערס
- 336 גרויסע לאָודער טראקטארס
- 37 שניי בלאזער

די NYS פארקס אפיס האט אוועקגשטעלט א סך הכל פון אכט (8) זעג מאנשאפטן וועלכע זענען גרייט פאר מיסיעס צו אפשניידן און אוועקרוקן בוימער אין באטראפענע געגנטער. מאנשאפטן געפונען זיך אין די פאלגנדע פלעצער: קעטערעגוּס, דאָטשעס, דזשעפערסאן, ניאגרא, אסוויגאָו, סאראטאָגע, סטיוּבען, טאַמפּקינס און ווייאָומינג. מאנשאפטן שטייען גרייט פון זונטאג ביז מאנטאג.

פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, זאלן דרייווער רופן 511 אדער באזוכן https://www.511ny.org אדער די טעלעפאן וועבזייטל אויף m.511ny.org, ניו יארק סטעיט'ס אפיציעלע טראפיק און רייזע אינפארמאציע מקור.

**טרו-וועי אויטאריטעט**
טרו-וועי אויטאריטעט איינגעשטעלטע פאלגן נאך די וועטער פאראויסזאגונגען, און אין פארברייטונג פירן זיי דורך אינספעקציעס אויף די שטורעם אפלויף סיסטעמען לענגאויס די גאנצע שאסיי צו זיכער מאכן אז די עקוויפמענט איז גרייט פאר סיי וועלכע ווינט-, פארפלייצונג- אדער וועטער-פארבינדענע פראבלעמען, און אזוי אויך קוקן זיי איבער שיפע שטיינערנע פלעצער אין געגנטער וואו שווערע רעגן איז ערווארטעט. די טרו-וועי אויטאריטעט איז גרייט זיך אפצורופן מיט 687 דרייווערס און סופערווייזארס שטייענדיג גרייט. די צאלן פון די עקוויפמענט און מיטלען איבערן סטעיט זענען אויסגערעכנט פאלגנד:

- 349 גרויסע און מיטלמעסיגע שארער טראָקס
- 11 טאָו שארערס
- 66 גרויסע טראקס
- מער פון 128,000 טאן פון זאלץ גרייט

שילדן מיט אנזאג-ענדערונג פעאיגקייטן און סאושעל מידיע ווערן געניצט אויף צוווארענען דרייווער איבער וועטער אומשטענדן אויף דער טרו-וועי.

די טרו-וועי אויטאריטעט ראט פאר דרייווער צו דאונלאד׳ען איר מאביל עפ וואס איז צו באקומען בחינם אויף ׳איי-פאן׳ און ׳ענדראוד׳ מכשירים. דער עפ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע, לעבעדיגע טראפיק קאמערעס און נאוויגאציע הילף בשעת׳ן זיין אויפ׳ן וועג. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן פאר TRANSalert אימעילס און פּאַלאָווען @ThruwayTraffic אויף X פאר די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דעם טרו-וועי.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**
יוטיליטי פירמעס וועלכע זענען רעגולירט דורך די דעפארטמענט פון פובליק סערוויס ( Department of Public Service, DPS) האבן אומגעפער 6,500 ארבייטער איבערן סטעיט גרייט אויסצופירן פאררעכטונג און צוריקשטעלונג ארבעט דורכאויס די ווינטער שטורעם, אריינרעכענענדיג נאך 750 ארבייטער פארזיכערט דורך NYSEG און אומגעפער 250 ארבייטער פארזיכערט דורך National Grid.

DPS שטאב מיטגלידער וועלן נאכפאלגן די יוטיליטי פירמעס'ס ארבעט דורכאויס די וועטער געשעעניש און זיכער מאכן אז יוטיליטי פירמעס שיקן די נויטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן די מערסטע באטראפן. אויב אייער סערוויס ווערט אפגעהאקט, באזוכט די DPS יוטיליטי סערוויס אפשטעלונגען וועבזייטל פאר טיפס.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
סטעיט פאליציי טוען האלטן אן אויג אויף די וועטער און זענען גרייט ארויסצושיקן נאך טרופערס, ווי נויטיג. אלע סטעיט פאליציי פּוּר-וויל-דרייוו און ספעציאליזירטע קארן און טרעקלער, אריינרעכענענדיג סנאָו-מאָובילס און יו טי ווי טרעקלעך שטייען גרייט פאר זאפארטיגע אפרופונג, און אלע עמערדזשענסי עלעקטריציטעט און קאמוניקאציע געצייג זענען געטעסט געווארן.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג**
DEC עמערדזשענסי מענעדזשמענט שטאב, ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשער, און ראיאנישע מאנשאפט זענען אויף דער וואך און האלטן אן אויג אויף דעם אנטוויקלענדן מצב. אלע אפרוף-מיטלען זענען אין פאזיציע גרייט צו העלפן מיט סיי וועלכע עמערדזשענסי אפרוף.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג**
ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. רעאגירונג געצייג ווערט אנגעפילט, איבערגעקוקט און צוגעגרייט פאר שטורעם רעאגירונג באנוץ. פארק באזיכער זאלן קוקן אויף https://parks.ny.gov אדער רופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע נייעס איבער פארק שעה'ן, עפענונגען און פארשליסונגען.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט**
די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט פאלגט נאך וועטער אומשטענדן פון די נאענט צו פארזיכערן אז זיי שטעלן צו זיכערע און פארלעסליכע סערוויס. MTA ארבעטער וועלן שטיין גרייט זיך אפצורופן צו סיי וועלכע וועטער-פארבינדענע אנגעלעגנהייטן און אוועקפירן סיי וועלכע אראפגעפאלענעביימער וועלכע קענען פאלן איבער באן רעלסן.

MTA בריקן און טונעלן פירט איין א לייכטע פארבאט אויף ליידיגע טרעקטאר-טרעילערס און טענדעם (פּיגיבּעק, דוּעל, טריפל, א.א.וו.) טראָקס אנגעהויבן פון 6:00 זונטאג אוונט. באזירט אויף די יעצטיגע פארשאצונגען און אויף די תקופה ווען די וועטער קומט אן, איז דאס ערווארטעט אז די לייכטע פארבאט וועט זיין אין קראפט ביז 6:00 מאנטאג אינדערפרי.

אין צוגאב צו די לייכטע פארבאט, וועלן די פיסגייער וועגן אויף די קראָס בעי וועטעראנס מעמאריעל און די מארין פּארקוועי בריקן זיין פארשלאסן דורכאויס די צייט. די פיסגייער וועגן אויף די ראבערט פּ. קענעדי און הענרי האדסאן בריק וועלן בלייבן אפן, אבער זיי וועלן פארשפארט ווערן ווען/אויב די וועטער וועט דאס פארלאנגען.

באניצער זענען געמוטיגט צו קוקן אויף https://new.mta.info פאר די לעצטע סערוויס נייעסן, און צו זיין פארזיכטיג ביים נוצן די סיסטעם. פאסאנזשירן זאלן זיך אויך איינשרייבן צו באקומען סערוויס אלערטס דורך טעקס מעסעדזש אדער אימעיל. די אלערטס קען מען אויך באקומען דורך די MTA's עפּס: MYmta און TrainTime.

**פארט אויטאריטעט**
די פארט אויטאריטעט האלט אן אויג אויף וועטער אומשטענדן איבער אירע אלע איינריכטונגען. אין פאל פון שווערע וועטער אומשטענדן, געבט דער אגענטור ארויס כסדר'דיגע רייזע אלערטס און אפדעיטס לויט

ווי עס נויטיגט זיך. פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארט אויטאריטעט איינריכטונגען, קוקט ביטע אויף סאָושעל מידיע, שרייבט זיך איין צו באקומען PA אלערטס אדער דאַונלאָודט איינע פון די PA טעלעפאָון עפס, אריינרעכנענדיג RidePATH וואס גיבט די לעצטע אפדעיטס און אלערטס פאר PATH סערוויס.

## זיכערהייט עצות

### רייזע

עטליכע פון די וויכטיגסטע עצות פאר זיכערע דרייוו׳ען רעכענען אריין:

- דרייוו'ט נישט אויב עס איז נישט וויכטיג.
- אויב איר מוז פארן, מאכט זיכער איר האט די וויכטיגסטע חפצים אין אייער קאר ווי דאכענעס, א שאוועל, פלעשלייט און איבעריגע באטעריעס, נאך ווארעמע קליידונג, א סעט פון טייער-טשעינס, באטערי בּוסטער קעיבלס, הויכע-ענערגיע עסנווארג און ליכטיג געפארבטע סחורה צו ניצן אלס צייכן אז איר נויטיגט זיך אין הילף.
- אויב איר האט א סעלפאן אדער אנדערע קאמיוניקאציע מיטל ווי א טו-וועי ראדיאו אוועילעבל, דאן האלט די באטעריעס גע'טשארדזש'ט און האלט עס מיט אייך ווען איר פארט. אויב איר ווערט געשטראנדעט, וועט איר קענען רופן פאר הילף, אנווייזן פאר אייערע רעטער וואו איר געפינט זיך.
- די פירנדע גורם פון טויטפאל און פארוואונדעטע ווערן דורכאויס ווינטער שטורעמעס איז טראנספארטאציע צוזאמשטויסונגען. בעפאר זיך זעצן הינטער'ן רעדל, מאכט זיכער אז אייער קאַר איז אפגערוימט פון אייז און שניי; קענען גוט זעהן איז גאר וויכטיג צו קענען גוט דרייוון. פלאנירט אייערע סטאַפּס און לאזט איבער גענוג פלאץ צווישן אנדערע קאַרס. זיין עקסטערע באווארנט און געדענקט אז שניי-בערגלעך קענען באהאלטן הינטער זיך קלענערע קינדער. האלט אייביג אייער שנעלקייט צוגעפאסט צו די שאסיי און וועטער אומשטענדן.
- עס איז וויכטיג פאר דרייווערס אויף אלע וועגן אנצומערקן אז שניי-שארער-טראָקס פארן מיט א שנעלקייט ביז 35 מייל א שעה, וואס איז אפטמאל וויינּיגער ווי דער באשטימטע ספּיעד לימיט, צו פארזיכערן אז די פארשפּרייטע זאלץ בלייבט אין די דרייווינג לעינס און שפּרייט זיך נישט ביי די זייטן פון די וועגן. אפטמאל אויף אינטערסטעיט הייוועיס וועלן שארער-טראָקס אפּערירן איינס נעבן צווייטן, וויבאלד דאס איז די מערסט-ווירקזאמע און זיכערסטע אופן אפצורוימען עטליכע לעינס אויף א מאל.
- דרייווערס און פיסגייער זאלן האלטן אין געדאנק אז שארער-טראָק דרייווערס זענען באגרעניצט אין וואס זיי קענען זען, און די גרויסקייט און די שווערע וואג פון די שארער-געצייג קענען מאכן זייער שווער זיך שנעל אוועקצודרייען אדער אפשטעלן. שניי וואס בלאזט פון הינטער'ן שארער-טראָק קען שטארק רעדוצירן זעעוודיגקייט אדער פאראורזאכן ווייט-אָוט אומשטענדן. דרייווערס זאלן נישט פּרובירן פארבייגיין שארער-טראָקס אדער נאכפארן צו נאענט. די זיכערסטע פלאץ פאר דרייווערס איז צו דרייוו׳ען גוט אפגעזונדערט פון די שארער-טראָקס וואו דער שאסיי איז שוין אפגערוימט און באזאלצן. פּרובירט קיינמאל נישט צו באכאפן א שניי שארער בשעת עס ארבעט.

### קורצשלוסן

- פרעגט אן ביי אייער יוטיליטי פירמע צו הערן די ארטיגע פארריכטונג סקעדזשולס.
- לעשט אויס אדער שאלטערט אויס לייטס און מעבל צו פארמיידן דאס איבערלאדענען די סירקוט ווען עלעקטריציטעט ווערט צוריקגעשטעלט; לאזט איין לייט אנגעצינדן צו זעהן ווען די עלעקטריציטעט איז צוריקגעקומען.
- אויב די הייצונג לעשט זיך אויס דורכאויס א ווינטער שטורעם, האלט זיך ווארעם דורכן פארמאכן סיי וועלכע צימערן וואס איר דארפט נישט.
- צו באריכטן אן עלעקטריציטעט קורצשלוס, רופט:

- Central Hudson: 800-527-2714
- Con Edison: 800-752-6633
- National Grid: 800-867-5222
- NYSEG: 800-572-1131
- O&R: 877-434-4100
- PSEG-LI: 800-490-0075
- RG&E: 800-743-1701

**הייצונג זיכערהייט**

- נוצט נאר זיכערע מקורות פון אלטערנאטיווע הייצונג ווי א פייערפּלעיס, א קליינע גוט אויסגעלופטערטע האלץ אדער קויל אויוון אדער א רוקעווודיגע צימער הייצערס.
- ווען איר נוצט אלטערנאטיווע הייצונג מיטלען ווי א פייערפלעיס, א האלץ אויוון א.ד.ג., מאכט אייביג זיכער אז די רויעך ווערט גוט אויסגעלופטערט. פאלגט אייביג אויס די אנווייזונגען פון די פירמע.
- האלט פירהאנגען, האנטוכער און טאפ-האלטערס אוועק פון הייסע אויבערפלאכן.
- האט א פייער עקסטינגווישער און סמאָוק דידעקטערס און מאכט זיכער אז זיי ארבעטן.
- אויב איר נוצט קעראסין (נאפט) הייצונג אין צוגאב צו אייער רעגלמעסיגע הייצונג אויל, אדער אלץ אן עמערדזשענסי מיטל פאר הייצונג, פאלגט נאך די פאלגנדע זיכערהייט טיפס:
  - פאלגט אויס די אנווייזונגען פון די פירמע.
  - נוצט נאר די ריכטיגע אויל פאר אייער יוניט.
  - פילט אן די אויל נאר אינדרויסן און נאר ווען די יוניט איז אפגעקילט.
  - האלט די הייצער צום ווייניגסטנס דריי פיס אוועק פון מעבל און אנדערע אביעקטן וועלכע קענען כאפן פייער.
  - ווען איר נוצט די הייצונג, נוצט די אייזענע צודעקן (סעיפגאַרדס) און לופטערט גוט אויס.

פאר מער ווינטער זיכערהייט טיפס, באזוכט https://dhses.ny.gov/safety. פאר אלע נישט-עמערדזשענסי סערוויס געברויכן אין ניו יארק סטעיט בעפאר, דורכאויס אדער נאך א שטורעם, רופט 211 אדער באזוכט 211nys.org.

**איבער די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) שטעלט צו פירערשאפט, קאארדינאציע און שטיצע צו פארמיידן-, באשיצן פון-, זיך גרייטן פאר-, רעאגירן צו-, זיך ערהוילן פון- און פארמינערן קאטאסטראפעס און אנדערע עמערדזשענסיס. פאר מער אינפארמאציע, פאַלאָוט @NYSDHSES אויף Facebook, Instagram און X (וואס פלעגט הייסן Twitter) אדער באזוכט dhses.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן